# בית־יעקב

ליטעראַרישע שריפטן פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת־ישראל אין פּוילן

רעדאַקטירט דורך א. ג. פרידנזאָן

| לאָדזש־וואַרשע־קראָקע | ב"ה שבט תרצ"ח | נומער 147 | פיפצנטער יאָר־גאַנג |
|---|---|---|---|



ס־גרייט זיך אין דרוק אַ גרויס פּרעכטיק

**יובל־בוך**

לכבוד 15 יאָר בית־יעקב־זשורנאַל.


10 x 10


**יהודא לייב אָרלעאַן**


# ווי אַזוי טראַכט דער פירער?

**צי** קענט איר דעם פירער? צי קענט איר דעם כאַראַקטער ויינים? צי ווייסט איר, וואָס ער טראַכט, ווי אַזוי ער טראַכט? פאַר דער מאַסע זעט ער אויס, ווי ער וואָלט בכלל נישט גיטראַכט, ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט גיצווייפלט. ער האָט תמיד קלאָר דעם ציל, ווייסט אַלע מאָל, וואָס ער וויל. ער דע־[illegible]ירט, ער באַשליסט. אַזוי דערשיינט דער פירער. אַזאַ כאַראַקטער באַזיצט ער.

ווייזט ער אָבער אַרויס די מינצטע וואַקליניש, פאַרלירט די מאַסע צו אים דעם צוטרוי. באַמערקט זי, ווי ער קלערט צו לאַנג, ווי ער שרעקט אַ ביסל — באַטראַכט זי אים נישט מער פאַר איר פירער. זי איז אפשר אַזוי קלוג, ווי ער, פאַרשטייט אפשר אַמאָל מער פאַר אים. נאָר ער באַזיצט אָבער דעם מוט, די אַנטשלאָסנקייט, די דעצידיר־קראַפט. דערפאַר בלויז שענקט זי אים די פירער־ראָל.

אינים פלוג זעט אויס, ווען אַפילו אונדזערס אַ פירער גיהער די דערמאַנטע באַצייכינונג, ער דערשיינט כלומרשט ווי אַ טיפ, וואָס טראַכט נישט, וואָס פאָלגט [illegible] די אינטואיציע. באַקלערט ער יאָ אַ מאָל זיינע פלענער, באַמערקט קיינער נישט. ווער שמועסט אָפּגיטועגערהייט, — בלייבט נישט אַ שפּור צומאָל פונים וואַקליניש. ער רעוווידירט קיינמאָל נישט דעם באַשלוס. אַדרבא, ער באַגרינדעט גאָר מיט אייזערנע ראיות די האַנדלונג זיינע.

אַזוי זעט עס נאָר אויס אין פלוג, באמת איז עס נישט אַזוי. דער ייד׳ישער פירער, ווי דאָס יידנטום גופא, איז לגמרי אַנדערש. יעדע פּערזענלעכקייט אונדזערע וואָלט גיוויס גידינט דערצו פאַר אַ ביישפּיל. אָבער באַזונדערס בולט לגבי דעם פרט, ווי אַזוי טראַכט דער פירער? כאַראַקטעריזירט אונדז די גמרא מיט אַן־איינצל־עפּיזאָד די גיעשטאַלט פון תנא רבי יוחנן בן זכאי.

דער צוגאַנג מיט כאַראַקטער־צייכינונג צו תנאים, וועמענס אינערלעכע וועלט שטייגט ווייט אַריבער אונדזער דערקענטיניש־גיביט, איז מער ווי גיוואַגטקייט. היות אָבער, ווי די גמרא צילט גיוויס מיט דער עפּיזאָד־איבערליפערונג צו אַ לימוד למעשה, גיהער אונדז ממילא דאָס רעכט צו טיילווייזער אָפּשאַצונג, וואָס באַלייכט ספּעציעל דעם כאַראַקטער פונים דעצידיר־כוח אינים יידנטום.

הגם די פּערזענלעכע זייט פון רבי יוחנן בן זכאי איז קאַרג איבערגיליפערט, קומט זי אָבער אַרויס בולטער פונים מאַטעריאַל, וואָס די כללישע זייט שטעלט אונדז צו, ווייל ביי אונדז האָט פּערזענלעכע התנהגות מיט כללישער הנהגה אַן־ענגע שייכות, אָדער איז גאָר ממש איינס, דערגענצט ממילא איינס דאָס צווייטע.

בלויז דאָס, וואָס ריב״ז לעבט איבער די הורדוס־ממשלה, די פּראָקוראַטאָר־גזירות, דעם קנאים־אויפשטאַנד, די ירושלים־באַלאַגערונג, באַווייזט וואָסער שווערע צייט ער האָט מיטגימאַכט. ביז דעמאָלט, ביז דער ירושלים־באַלאַגערונג, איז ער אָבער, ווי ס־זעט אויס, מער יחידי. אונדז איז נישט גנוי באַקאַנט, ווי אַזוי ער טראַכט, ווי אַזוי ער דעצידירט, ווי אַזוי ער האַנדלט. ערשט הארט ביי דער גרויסער קאַטאַסטראָפע דערשיינט ער וואָס אַמאָל בולטער, ווייזט ער אַרויס וואָס אַמאָל מער פירערישע ראָל.

ער האָט מוט, ער בלייבט פעסט. ער האַנדלט אַזוי, ווי אַ גיהיימע קראַפט וואָלט אים דיקטירט, ווי ער וואָלט נישט גיהאַט די מינצטע צווייפלהאַפטיקייט, ווי ער וואָלט גיהאַט דעם הימל פאַר אַן־עדות. כאָטש נישט אַלע מאָל פאַלט דער באַשלוס זיינער צו אַלעמינס צופרידנקייט. אים שטערט דאָס אָבער נישט. ער שטעלט זיכערע טריט. ער גייט כסדר ווייטער.

די גמרא דערציילט: ריב״ז פאַרלאָזט ירושלים. ער גייט אַריבער צום שונא. דער לעצטער איז אים נושא פנים. וואָס פאַרלאַנגט דעמאָלט ריב״ז [illegible] מער, ווי יבנה מיט אירע חכמים. זעט [illegible] דעמאָלט די מעגלעכקייט פאַר אַ גרעסערע[illegible]

די גמרא זאָגט אַפילו, אַז ער האָט טאַקי [illegible] אַ שאַנס פאַר דער ירושלים־רעטונג, נאָר מ[illegible] פונים הימל פאַרפירט, מ־האָט אים פאַרשטעלט די אויסזיכט. מע וואַרפט אים חלילה נישט פאַר פּאָליטישע קורצזיכטיקייט, אָדער אומבאַרעכנטע האַנדלונג. ריב״ז גופא — זאָגט די גמרא ווייטער — האָט אויסגירעכנט, אַז די יבנה־הצלחה האָט מער אויסזיכט.

אָבער אינים פלוג זעט אויס, ווי ער וואָלט נישט גיהאָט דערביי די מינצטע וואַקליניש. ער האַנדלט פעסט, דעצידירט שנעל, נעמט איבער דאָס אחריות. דערשיינט ער נישט דערמיט, ווי אַן־עכטער פירער? נישט נאָר ביי דעם. אומעטום, וואו מע באַמערקט נאָר אַ לאַבירינט, שייד־וועג, אַ זיג־זאַג — מאַכט ער זיכערע טריט, אַנטשיידט ער קלאָר, דערשיינט ער פירעריש.

דאָס בית־מקדש איז חרוב. דאָס לאַנד איז מיט בלוט דורכגיווייקט. די וועלט — ווי איבערגיקערט. יעדער טאָג ברענגט אַ נייע קללה. מע פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי מ־האָלט אויס די צרות.

ריב״ז דערשיינט ווידער פירעריש. ער באַווייזט צומאָל נישט אַ האָר מוטלאָזיקייט. אַ שפּור פאַרצווייפלונג. ער לערנט זיינע תלמידים: עסט, טרינקט, לעבט, נאָר גידענקט דערביי אינים בית־מקדש! טוט, שאַפט, בויט לויט מעגלעכקייט — נאָר פאַרלאָזט נישט פונים אויג דאָס בילד פונים שלימות! ער בויט אויס דעם יבנה־צענטער, נעמט איבער דאָס נשיאות, מאַכט פיל תקנות. ערווישט אָפּ די טרער, דערוועקט די האָפנונג, דערפרישט דעם מוט. מע גייט אויפסניי אַריבער דעם לעבנס־טראַנס.

צי ווייזט דאָס נישט, אַז ער איז כלומרשט, ווי אַנדערע, עכטער פירער־טיפ, וואָס זעט נישט די


יהודה לייב אָרלעאַן: ווי אַזוי טראַכט דער פירער? ● ד״ר העשיל קלעפּפיש: פרויען, וואָס זענען פאַרבליבן איידל ● ד״ר נתן בירנבוים: משיח מוז קומען ● גדלי׳ בובליק: די שטאָט פון אייביקייט און קדושה ● ר׳ יהודה הלוי: מיין האַרץ איז אין מזרח... (שיר) ● י. ל. גערשט: פרייגייסט און אומגייסט ● ישראל עמיאָט: מיניאַטורן ● אסתּר הייטנער: אַ ניגון פון דער היים ● אלף־שין פון דער ספרים־שאַנק ● הרב מנחם עקשטיין: פּסיכאָלאָגישע עלימענטן אין חסידות ● צום קבר פון שמואל הנביא. ● אַלטער שנור: דער משורר—דער יתום.●

**בנות־בלעטער**

צדיק־סמך: ליכט און שאָטן ● ליבע הירשאָוויץ: די קונסט שיין צו זיין ● יהודית שטיין: ס־איז גרויס די וועלט (ליד) ● אַ קאַלישער פירערין: דער כח פון אַ רבים ● פייגע אייבעשיץ: ס־מוז קלאָר ווערן ● א. זיספּיין: גראַד יעצט... ● ידיעות פון דער באַוועגונג און מודעות.

